**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און קליינע ביזנעס אייגנטימער קומען זיך צוזאם אין שטיצע פון 45 מיליאן דאלארדיגע פלאן זיך צו שטרענג אראפלאזן אויף ריטעיל געשעפטן גניבות**

***גאווערנער'ס בודזשעט רעכנט אריין 25 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן ריטעיל געשעפטן גניבות מאנשאפט אינערהאלב די ניו יארק סטעיט פאליציי; 15 מיליאן דאלאר פאר דיסטריקט אטוירניס און פאליציי***

***5 מיליאן דאלארדיגע טעקס קרעדיט וועט העלפן קליינע ביזנעסער באצאלן פאר מער סעקיוריטי מאסנאמען ווי וועכטער און קאמערא***

***גאווערנער שטופט פאר א ביל צו גיבן קרימינאלע שטראפן פארן איבערפאלן ריטעיל געשעפט ארבייטער, נייע געזעצן זיך צו שטרענג אראפלאזן אויף די פארקויף פון געגנב'עטע סחורות אויף די אינטערנעט***

גאווערנער קעטי האקול איז היינט באגלייגט געווארן דורך מיטגלידער פון די לעגיסלאטור און קליינע ביזנעס אייגנטימער פון אריבער ניו יארק צו שטיצן אן ארומנעמיגע סטעיט-ברייטע אינפארסירונג קאמפיין אויף ארגאניזירטע ריטעיל געשעפטן גניבות. גאווערנער האקול'ס אנטי-גניבה פלאן, אריינגעלייגט אין איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, רעכנט אריין 25 מיליאן דאלאר פאר א ספעציעלע ריטעיל געשעפטן גניבות איינהייט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי, 15 מיליאן דאלאר פאר דיסטריקט אטוירניס און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און 5 מיליאן דאלאר צו דעקן סעקיוריטי קאסטן פאר ביזנעסער. עס רעכנט אויך אריין א נייער געזעץ צו באשיצן ריטעיל געשעפט ארבייטער פון איבערפאלן און זיך צו שטרענג אראפלאזן אויף די פארקויף פון געגנב'עטע סחורות אויף די אינטערנעט.

"מיר האבן ערפאלגרייך געארבעט מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג צו אראפטרייבן גאן פארברעכן, מארד און שיסערייען — יעצט מוזן מיר אונטערנעמען די זעלבע צוגאנג צו אראפטרייבן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפטן גניבות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז צייט צו גיבן פאר פאליציי און פראקורירער די כלים וואס זיי דארפן צו קענען נאכגיין נאך ריטעיל גנבים און שטיצן אונזערע ביזנעסער מיט די פולע קראפט פון דעם געזעץ. פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך בין פארפליכטעט צו האלטן קונדן און ארבייטער זיכער."

גאווערנער האקול'ס פארשלאגן וועלן זיך באנוצן מיט אויפגעוויזענע פארברעכן-באקעמפנדע סטראטעגיעס וואס זענען גענוצט געווארן צו אראפטרייבן ווילדע פארברעכן און גאן פארברעכנס זינט גאווערנער האקול איז אריין אין אפיס אין 2021. אינוועסטירונגען צו באקעמפן אויפשטייגנדע גניבה פארברעכנס אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכענען אריין:

- פארשלאגן א געזעץ צו גיבן **קרימינאלע שטראפן** פאר מארקעטפלעצער און דריטע-פארטיי פארקויפער אויף די אינטערנעט וואס גיבן א פלאטפארמע צו פארקויפן געגנב'עטע סחורות און אזוי אויך צו פארשטערקערן קרימינאלע שטראפן פארן איבערפאלן ריטעיל ארבייטער.
- אוועקשטעלן א **ניו יארק סטעיט פאליציי 'בליץ גניבות' אינפארסירונג איינהייט ( Smash and Grab Enforcement Unit)**. די עקזעקיוטיוו בודזשעט רעכנט אריין **25.2 מיליאן דאלאר** אין נייע פינאנצירונג צו מאביליזירן א ספעציעלע סטעיט פאליציי מאנשאפט צו צוזאמשטעלן א קעיס קעגן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבה רינגען און אויפשטעלן א נייע סטעיט פאליציי אינפארסירונג איינהייט געווידמעט פאר די צוועק.
- **10 מיליאן דאלאר** אין פינאנצירונג פאר DA'ס צו ברענגען קלאגעס אין פארמעגן פארברעכן פעלער און עפענען ספעציעלע ריטעיל געשעפטן גניבות מאנשאפטן אין דיסטריקט אטוירני (District Attorney, DA) אפיסעס.
- **5 מיליאן דאלאר** אין צוגעקומענע סטעיט פינאנצירונג צו אויפבויען די קאפאציטעט פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג באמיאונגען צו באקעמפן ריטעיל געשעפטן גניבות.
- **5 מיליאן דאלאר** פאר א טעקס קרעדיט פאר ביזנעס סעקיורירטי אויסגאבן כדי צו העלפן ביזנעס אייגנטימער צו טרעפן די געלט צו באצאלן פאר געוויסע געשעפט סעקיורירטי מאסנאמען.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "איך בין גאר דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס באמיאונגען אין די היי-יאריגע בודזשעט צו אדרעסירן ריטעיל געשעפטן גניבות וואס האבן געפלאגט פילע קליינע ביזנעסער אין מיין סטעיט סענאט דיסטריקט. איך קוק ארויס צו אריבערפירן א ביל צו האלטן די פארטייען פאראנטווארטליך פארן באשיצן געגנב'עטע סחורות און אנדערע מאסנאמען אין אונזער בודזשעט צו פארקלענערן די פראבלעם, אריינרעכענענדיג צוטיילן נאך הילפס-מיטלען פאר אונזערע פראבלעם-לייזנדע געריכטן, ווי די מידטאון קאמיוניטי יוסטיץ צענטער ( Midtown Community Justice Center) וואס קענען העלפן אדרעסירן די אנגעלעגנהייט."

**סטעיט סענאטארשע דזשעסיקע סקאַרסעלא-ספענטאן האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ריטעיל געשעפט ארבייטער צו האבן די זעלבע שטאפל פון שוץ ווי אנדערע וועזנטליכע ארבייטער. לעצטע יאר האבן מיר זיך געטראפן מיט ביזנעסער ארום אונזער דיסטריקט צו אדרעסירן די אויפשטייג אין געוואלדטאטן קעגן די ארבייטער וואס דינען אונזער קאמיוניטי אויף א טעגליכן פארנעם. פארמערן קנסות פאר איבערפאלן אויף ריטעיל ארבייטער איז נישט בלויז א וועג צו אפשרעקן — עס איז בלויז שכל'דיג. א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול פארן גיבן פריאריטעט פאר די אנגעלעגנהייט און פאר אייער איבערגעגעבנקייט צו ארבעטן צוזאמען צו באשיצן ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגליד מעני דע לאס סענטאָס האט געזאגט,** "איך בין באזארגט פאר אונזערע ארבעטנדע פאמיליעס, און איך בין אלארמירט דורך די אויפשטייג אין ריטעיל געשעפטן גניבות וואס באטרעפט אונזערע קאמיוניטיס. מיט 386 איבערחזר'נדע פארברעכער זייענדיג 30 פראצענט פון NYC'ס גניבה ארעסטן, איז דרינגנדע שריט גאר וויכטיג. שטיצן די CAPS קאאליציע און אינדארסירן וויכטיגע געזעצן איז קריטיש צו אפהיטן אונזערע קליינע ביזנעסער און געגנטער. לאמיר זיך פאראייניגן הונטער גאווערנער האקול'ס פלאן צו באקעמפן ריטעיל געשעפטן גניבות און פארזיכערן א זיכערערע צוקונפט פאר יעדן."

**CAPS גרונדער, ננעלסאן יוסעביאָ, האט געזאגט,** "גאווערנער קעטי האקול איז גערעכט — מיר דארפן זיך נעמען צו ריטעיל געשעפטן גניבות און קליינע גניבות וויל ניו יארקע ביזנעס דארפן זיי פריי צו אנגיין אן מורא אדער זארג איבערן בארויבט ווערן. דורכאויס די הויכפונקט פון די COVID פאנדעמיע זענען ריטעיל ארבייטער פאררופן געווארן וועזנטליך ('עסענטשעל'), און יעצט דארפן זיי אלבאני'ס הילף צו זיכער מאכן אז זיי זענען זיכער און אז זיי קענען טוהן זייערע דזשאבס. מיר לויבן אויס די גאווערנער

פאר אירע שריט, און מיר מוטיגן די לעגיסלאטור צו אויפשטיין פאר ארבייטער, קונדן און קליינע ביזנעסער."

**אייגנטומערין פון Noir et Blanc TTH Vintage Boutique, דעבארע קעניגסבערגער, האט געזאגט,** "געשעפטן דארפן הילף, און איך בין פריילייך אז מיר טרעפן א שותּף'טע אין גאווערנער האקול. די גאווערנער פארשטייט דאס — די געשעפטן אין ניו יארק וואס האבן זיך געדארפט באנעמען מיט ריטעיל געשעפטן גניבות ווילן בלויז קענען אנגיין און באדינען זייערע קאמיוניטיס. די סטעיט לעגיסלאטור דארף טוהן שריט כדי די געשעפטן זאלן באקומען די שוץ מאסנאמען וואס זיי דארפן און כדי ארבייטער און קונדן זאלן פילן זיכער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()